ב"ה

# אין ליקט פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## מסעי

אידיש

**543**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק

# שנים וארבעים

**• מטות-מסעי •**

אין דעם פרק וועט אַרומגערעדט ווערן וועגן די וועלכע שפעטן (לאַכן) אַסאַך און זענען מבטל פון לערנען תורה, זאָגנדיג אַז דאָס פאַרשאַרפט דעם שכל, און אַ שטאַרקע תוכחה צו די וועלכע פאַרטרייבן תלמידי חכמים פון זייערע וואוינונגען.

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

# אינהאַלט

## פון צוויי און פערציגסטער פרק


א. די וועלכע זענען מבטל שעות אויף שעות פון לערנען תורה, לייקענען זיי אין דעם עיקר, און די עבירה איז שטאַרקער פון אַלע אַנדערע עבירות, און דער טעם דערויף ..... ד

ב. אַ שטאַרקע תוכחה צו די וועלכע זיצן צוזאַמען אָן אַ יאָך און לאַכן שבת נאָך מנחה ..... ד

ג. אַלע מדות פון השם יתברך זענען מדה כנגד מדה ..... ו

ד. צום הייליגן תנא ר' עקיבא איז מער אַנטפּלעקט געוואָרן ווי צו משה רבינו ע"ה ..... ז

ה. עטליכע זאַכן וועגן די ווערטער פון מדרש, אַז צו משה רבינו איז נישט אַנטפּלעקט געוואָרן אַלץ ווי צו ר' עקיבאין ..... ח

ו. די מעלה פון לערנען תורה ביינאַכט ..... ט

ז. התעוררות ווערטער קעגן ביטול תורה ..... ט

ח. אַ מעשה מיט איינעם וועלכן מען האָט פאַרדעכטיגט אין צונעמען תכריכים פון די געשטאָרבענע ..... י

ט. דער סדר פון וידוי פון ספר "צדה לדרך" ..... יב

# פרק שנים וארבעים

**א. יודע המחשבות,** השם יתברך, דער וואָס ווייסט די מחשבות, און פרואווט די הערצער, דער וועט אָפּצאָלן פון דעם מענטשן וועלכער פאַרברענגט זיין צייט אויף נאַרישקייטן, און פוסטע זאַכן. ווייל אין דער צייט וואָס ער איז פריי פון זיינע געשעפטן, אַנשטאָט צו גיין לערנען אָדער הערן דברי תורה, כדי זיך אָנצוזאַפּן מיט דעת און יראת ה׳, פאַרברענגט ער זיין צייט אין שאַך שפּיל, און דער וואָס קומט מוחה זיין דערויף, ענטפערט ער אַז ער טוט עס צו שאַרפן דעם שכל, אָבער דער אמת איז, אַז ער פאַר׳מיאוס׳ט די תורה, און דעריבער וויל ער שאַך שפּילן און נישט לערנען תורה, נאָר כדי יענער זאָל אים נישט האַלטן פאַר קיין רשע, זאָגט ער אים אַז זיין כוונה איז צו שאַרפן דעם שכל, און מיט דעם ענטפער זאָגט ער, אַז די שאַך שפּיל שאַרפט בעסער זיין שכל ווי ער וואָלט עס געטאָן דורך לערנען תורה, וואָס ביי תורה שטייט אַז עס מאַכט קלוג דעם נאַר.

**ב. ואם,** און אויב זיין כוונה איז באמת צו שאַרפן דעם שכל, וואָלט ער בעסער געדאַרפט לערנען תורה, ווייל, עס איז נישט פאַראַן קיין גרעסערע חכמה פון דער תורה, און קיין בעסער מיטל צו שאַפן דעם שכל ווי די תורה איז נישט פאַרהאַן, ווייל די רייד פון דער תורה זענען געזאָגט געוואָרן פון השם יתברך, וואָס ער איז דער מקור פון חכמה, זעען מיר פון דעם אַז לייקנט אין דער תורה. אויך זעט מען זיין פאַלשקייט וואָס ער ענטפערט, אַז ער שפּילט צו שאַרפן זיין שכל, ווייל מיר זעען דאָך נישט אַז נאָך דעם גייט ער און זעצט זיך לערנען, נאָר די גאַנצע פרייע צייט זיינע שפּילט ער. ווי איז צו אים און ווי איז צו זיין נשמה.

**די וועלכע זענען מבטל שעות אויף שעות פון לערנען תורה, לייקענען זיי אין דעם עיקר, און די עבירה איז שטאַרקער פון אַלע אַנדערע עבירות, און דער טעם דערויף.**

**ג. וכתב,** און דער ספר "**כבוד חכמים**" שרייבט פון רבינו יונה, אַז דער וועלכער פאַרברענגט זיין צייט אויף נאַרישקייט, דער גלייבט נישט אַז דער כבוד פון השם יתברך איז פול איבער דער גאַנצער וועלט. ווייל, דער וועלכער גלייבט אַז ער שטייט פאַר השם יתברך, וועט ער זיכער נישט טאָן פאַר אים אַזאַ זאַך וואָס איז קעגן זיין רצון, און די עבירה איז ערגער פון אַלע עבירות, ווייל אַנדערע עבירות פאַרפירט אים דער יצר הרע, אָבער דער וואָס זיצט במזיד אַ שעה אָדער צוויי, און צומאָל אַ גאַנצן טאָג, ער פאַרגעסט אויף השם יתברך און לאַכט און דערצאָרנט אים, און שעמט זיך נישט און האָט נישט קיין מורא פאַר זיין דין, און ער איז גלייך צו די וועלכע זאָגן אַז השם יתברך האָט פאַרלאָזט די וועלט, און גיט נישט אַכטונג איבער איר.

## אַ שטאַרקע תוכחה צו די וועלכע זיצן צוזאַמען אָן אַ יאָך און לאַכן שבת נאָך מנחה

**ד. ויש,** און עס איז פאַראַן נאָך אַ גרעסערע בייזע קרענק פון דעם, אַז אום שבת און יום טוב וואָס די טעג זענען געגעבן געוואָרן צו לערנען תורה, און צו הייליגן דעם נפש, זענען דאָ מענטשן וועלכע נאָך דעם וואָס זיי דאַווענען אָפּ מנחה, זעצן זיי זיך אין הויף צוויי דריי מענטשן, און הויבן אָן ווייַ צו טאָן די נשמה יתירה מיט פוסטע רייד און געלעכטער, ליצנות און דברים בטלים. נאָך מער, אַז אַ צדיק גייט דורך נעבן זיי, טוען זיי רעדן אויף אים און רעכענען אויס זיינע חסרונות, און זענען עובר אויף לשון הרע. און אויב אַ אשה גייט דורך פאַר זיי, קוקן זיי אויף איר, און קומען צו מהרהר זיין אין איר, ביינאַכט זיינען זיי רואה קרי דורך דעם. ביז די נשמה יתירה אַנטלויפט פון זיי. ווייַ איז צו דעם וואָס קען מוחה זיין און איז נישט מוחה.

**ה. ומעיד,** און איך נעם מיר פאַר עדות הימל און ערד, אַז יעדער טיר וואָס ביי איר זענען די מענטשן געוואוינט געוועזן צו זיצן שבת נאָך מנחה, איז זי חרוב געוואָרן, און די בעלי בתים זענען אָרעם געוואָרן.

**ו. וכדי,** אויך דאַרף מען זיי מודיע זיין וואָס דאָס זיצונג קען גורם זיין, אַז אַ אשה נדה גייט דורך צווישן זיי איז אַ גרויסע סכנה, ווי אונזערע חכמים ז"ל זאָגן, און דאָס איז אויסער דעם שטראָף וואָס איז צוגעגרייט קעגן זיי אין יענער וועלט, ווייל זיי זענען עובר אויף די רייד פון די חכמים ז"ל, וואָס האָבן געזאָגט אַז אַ מאַן טאָר נישט דורך גיין צווישן צוויי פרויען.

**ז. וגם,** אויך וועל איך מודיע זיין דעם עונש פון די בעלי בתים וועלכע ווילן נישט פאַרדינגען קיין דירה צו אַ תלמיד חכם, זאָגנדיג אַז ער קען נישט צאָלן די דירה געלט, ווייל ער איז אַ תלמיד חכם וועלן זיי ביי אַ דין תורה נישט געווינען, און וואָס וועל איך נעמען ביי אים, ער האָט נישט קיין ברויט און קיין קלייד, און איך וועל מיט אים רעדן שטרענג וועלן מיר מענטשן פאַרשטיינען. דאָס שלעכטס פון דעם בעל הבית איז מפורסם פון פיל טעמים, איינס, די תורה איז ביי אים מבוזה, ער טראַכט, אַז ווייל דער איז אַ תלמיד חכם גיט אויף אים השם יתברך נישט אַכטונג, און דער אמת איז דאָך אַז השם יתברך גיט ספּעציעל אַכטונג אויף דעם תלמיד חכם, איז וואָס האָט ער מורא צו האָבן פאַר זיין דירה געלט.

**ח. ועוד,** און נאָך מער, דער בעל הבית איז חושד דעם תלמיד חכם, אַז ער איז אַ גזלן, ווייל צאָלן אַ בעל חוב איז דאָך אַ מצוה, וועט דאָך דער תלמיד חכם זיכער באַצאָלן זיין דירה געלט, מקיים צו זיין די מצוה פון פריעת בעל חוב, און דאָס ווייזט אַז דער בעל הבית רעדט זיך איין, אַז דורך זיין אייגענעם כח האָט ער זיך איינגעזאַמלט עשירות, ווייל ווען ער וואָלט מודה זיין אַז דאָס אַלץ איז פון השם

יתברך, איז דער וואָס האָט אים געגעבן דער וועט אויך געבן צו דעם תלמיד חכם, און פאַרוואָס האט ער מורא צו פאַרדינגען זיין דירה צום תלמיד חכם.

## אַלע מדות פון השם יתברך זענען מדה כנגד מדה

**ט. ועונשו,** און זיין שטראָף איז, אַז די צאָרן פון השם יתברך וועט מאַכן, אַז דער גלגל וועט זיך אויף אים איבער דרייען אויף בייז, און צום סוף וועט זיין הויז חרוב ווערן, און ער וועט פאַרקויפן וואָס ער האָט, און וועט זוכן אַ דירה און וועט נישט קריגן, און דער תלמיד חכם וועט בויען הייזער צו די אָרעמע לייט, און דער בעל הבית וועט קומען בעטן פון אים ער זאָל אים געבן אַ וואוינונג ביי אים, אָבער ער וועט אים נישט מקרב זיין, כדי מקיים צו זיין דערווייטער זיך פון אַ בייזן שכן, און ער וועט זיין נע ונד, און קיינער וועט אים נישט אַריילאָזן אין הויז אַריין, אַזוי ווי ער האָט געטאָן אַזוי וועט געטאָן ווערן צו אים, ווייל אַלע מדות פון השם יתברך זענען מדה כנגד מדה.

**י. גם,** אויך איז דאָ אַ בעל הבית, וואָס פאַרדינגט זיין הויז צו אַ תלמיד חכם, ווייל ער טראַכט זיך, די תלמידים חכמים ווייסן פון די ספרים, וואָס עס האָט זיך געטראָפן אויף דער וועלט פון מלחמות, אין די גרויסע נעכט וועלן מיר צוזאַמען קומען אַלע שכנים, און ער וועט אונז דערציילן מעשיות, וועלן מיר דערמיט פאַרברענגען די נאַכט, און דעריבער איז נעמט ער אויף דעם תלמיד חכם מיט גרויס פרייד, און אַז ער זעט אַז די כוונה פון תלמיד חכם איז נאָר אין דער תורה, און טוט נאָר לערנען אין די גרויסע נעכט פון טבת, שרייט ער פאַרוואָס האָט ער אים פאַרדונגען זיין שטוב, און ער דערצערנט אים, כדי ער זאָל אַרויס פון דער וואוינונג, ביז דער תלמיד חכם מוז אַנטלויפן פון אים. ווי איז צו דעם בעל הבית, און ווי איז צו זיין נשמה. וואָס וועט ער ענטפערן ביים יום הדין. קען ער דען ענטפערן

איך האָב אים פאַרטריבן פון מיין דירה, ווייל ער האָט נישט געוואָלט מבטל זיין דעם לערנען צו דערציילן מעשיות. וועט דען זיין גענוג דאָס פייער פון דעם גיהנם אים צו רייניגן.

**יא. דע,** זאָלסט וויסן אַז דאָס וואָס איך שרייב דאָ פון בעל הבית מיט דעם תלמיד חכם, האָבן ממש מיינע אויגן געזען, האָב איך געטראַכט, איך וועל עס אויפשרייבן אויף אַ ספר, כדי די בעלי בתים זאָלן עס לערנען, אָדער הערן, וועלן זיי זיך נעמען אַ מוסר, און בפרט די וואָס טרייבן אַוועק תלמידי חכמים פון זייער שכנות, כדי די תלמידי חכמים זאָלן נישט קענען זייערע שלעכטע מעשים, די וועלן נאָך מער געשטראָפט ווערן.

**יב. ואחר,** און דו בעל הבית, ווי טראַכסטו אַז דער תלמיד חכם זאָל פאַרברענגען די צייט פון די נעכט מיט נאַרישע מעשיות דערציילן דיר, ווען דו האסט אַ חשבון פון סחורה, זיסטו אַ גאַנצע נאַכט און קלערסט גוט אויס דעם חשבון, כדי דו זאָלסט נישט פאַרגעסן קיין זאַך פון דיין סחורה, און פאַרוואָס זאָלסטו נישט אָפּלערנען אַ קל וחומר אויף דעם תלמיד חכם, אַז ער דאַרף זיצן טאָג און נאַכט צו פאַרשטיין אין דער תורה ווי דער אר״י ז״ל שרייבט, אַז דער וואָס וויל משיג זיין חכמת הקבלה, מוז גאָר ווייניג רעדן כדי ער זאָל נישט רעדן קיין דברים בטלים.

## צום הייליגן תנא ר׳ עקיבא איז מער אַנטפּלעקט געוואָרן ווי צו משה רבינו ע״ה

**יג. גם,** אויך מוז ער לערנען אין דער תורה ״פרד״ס״, דאָס איז ״בדרך פשט, רמז, דרוש און סוד״, און ער זאָל נישט טראַכטן אַז די סודות פון דער תורה וועלן אים אַנטפּלעקט ווערן, ווען ער איז נאָך ליידיק פון חכמת התורה, ווייל עס שטייט אין פסוק עס איז געגעבן געוואָרן די חכמה צו די קלוגע, און ווי קען ער פאַרברענגען אַפילו איין רגע אומזיסט, בפרט ביינאַכט, וואָס דער עיקר לערנען איז ביינאַכט,

און בפרט דער וואָס זעט די חכמה פון ר׳ עקיבא וואָס ער האט גע׳דרשנ׳ט בערג מיט הלכות, און אַזוי האָבן אונזערע חכמים ז״ל געזאָגט, אַז צו משה רבינו ע״ה איז נישט אַנטפּלעקט געוואָרן דאָס וואָס איז אַנטפּלעקט געוואָרן צו ר׳ עקיבא, און אַז דער מענטש געדענקט דאָס, ווי זאָל ער רוען אָן תורה לערנען אַפילו איין רגע, ווייל טאָמער וועט ער קענען גרייכן, כאָטש ווייניג, פון דער תורה.

**עטליכע זאַכן וועגן די ווערטער פון מדרש, אַז צו משה רבינו איז נישט אַנטפּלעקט געוואָרן אַלץ ווי צו ר׳ עקיבא׳ן.**

**יד. אך,** נאָר דאָס וואָס אונזערע חכמים זאָגן, אַז צו ר׳ עקיבא׳ן איז מער אַנטפּלעקט געוואָרן ווי צו משה רבינו ע״ה, דאָס איז אַ וואונדער. און דער ספר ״**נגיד ומצוה**״ גיט צו פאַרשטיין, אַז משה רבינו ע״ה האָט זיכער געוואוסט וואָס יעדערער וועט מחדש זיין אין דער תורה, נאָר ער האט געוואוסט די סודות בעל פה, אָבער ער האָט נישט געוואוסט צו דרשנען זיי אויף דעם פסוק, ביז די חכמים פון יעדן דור זענען געקומען און האָבן זיי גע׳דרשנ׳ט אויף די פסוקים.

**טו. ולי,** און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז קלאָר מיט דעם וואָס אונזערע חכמים ז״ל האָבן געזאָגט, אַז משה רבינו ע״ה האָט געלערנט די תורה און האָט זי פאַרגעסן ביז השם יתברך האָט עס אים געגעבן במתנה, האָט ער ערשט נישט פאַרגעסן, און האָט פאַרשטאַנען אַלץ וואָס מען וועט מחדש זיין אין דער תורה. אָבער ר׳ עקיבא, כאָטש די תורה איז אים נישט געגעבן געוואָרן במתנה, נאָר מחמת זיין גרויס חכמה, און זיין פיל טירחא, איז אים אַנטפּלעקט געוואָרן אַלץ וואָס משה רבינו ע״ה האָט געוואוסט במתנה, און דאָס איז דער פשט אין די ווערטער פון די חכמים, אַז דאָס וואָס עס איז נישט אַנטפּלעקט געוואָרן צו משה רבינו דורך זיין טירחא און מידקייט, נאָר דורך דעם וואָס די תורה איז אים געגעבן געוואָרן אַ מתנה, דאָס זעלבע איז צו ר׳ עקיבא אַנטפּלעקט געוואָרן אָן אַ מתנה, נאָר דורך זיין טירחא און מידקייט.

## די מעלה פון לערנען תורה ביינאַכט

**טז. ונחזור,** לאָמיר זיך צוריק קערן צום פריערדיגן ענין, וועגן די מענטשן וועלכע דערווייטערן תלמידי חכמים פון זייער שכינות, ווייל זיי פאַרברענגען נישט די נעכט מיט זיי אין רעדן דברים בטלים און מעשיות. זיי וואָלטן געדאַרפט זוכן אַ תלמיד חכם, און אים צאָלן, ער זאָל מיט זיי לערנען יעדע נאַכט תורה און דרך ארץ, און זאָל זיי לערנען דעם ריכטיגן וועג זוכה צו זיין צו עולם הבא, ווייל אַ גאַנצן טאָג גייט דער מענטש זוכן פרנסה, האָט ער נישט קיין צייט צו לערנען, און ביינאַכט איז די ריכטיגע צייט צו לערנען, ווי דער טור יורה דעה שרייבט, כאָטש עס איז דאָך אַ מצוה צו לערנען בייטאָג און ביינאַכט, פונדעסטוועגן קריגט דער מענטש זיין רוב חכמה נאָר פון דעם לערנען וואָס ער לערנט ביינאַכט, דעריבער, זאָל דער מענטש זיין אָפּגעהיט צו לערנען אַלע נאַכט, און זאָל נישט פאַרברענגען אַפילו איין נאַכט בלויז אין שלאָפן אָדער רעדן, נאָר אין לערנען, און די חכמים ז״ל זאָגן אויך אַז דער עיקר תורה לערנען איז נאָר ביינאַכט.

## התעוררות ווערטער קעגן ביטול תורה

**יז. לכן,** דעריבער, יעדער איד וועלכער ווערט אָנגערופן מיטן נאָמען ישראל, זאָל נישט פאַרברענגען זיין צייט אויף נאַרישקייטן און דברים בטלים, ווייל פון דעם קומט נישט אַרויס אַנדערש ווי שלעכטע קרענק צו זיין נפש, און אָנצוגרייטן מיט זיינע אייגענע הענט כלי מות זיך אַליין צו הרג'ענען מיט מיתות משונות מיט די יסורים פון גיהנם, צו געבן אַ שווערד אין די הענט פון מלאכי חבלה, זיי זאָלן מיט איר טאָן וואָס זיי ווילן.

**יח. ואם,** און אויב אַ מענטש האָט שוין פאַרבראַכט זיין צייט אין נאַרישקייט, זאָל ער זיך אַליין אַריינטראַכטן וועט אים קלאָר ווערן אַז קיין שום גוטס איז אים דערפון נישט געקומען, נאָר קראַנקייט פון דעם טויט, און זאָל אויף דעם חרטה האָבן, און זאָל

תשובה טאָן צו השם יתברך וואָס זיין האַנט איז אויסגעשטרעקט אַנצונעמען די בעלי תשובה. און כדי זיין האַרץ זאָל אונטערטעניג ווערן, זאָל ער באַזוכן קראַנקע, און זאָל שטיין בשעת מענטשן שטאַרבן, און דעמאָלט וועט ער איינזען אַז אַלץ איז נאַרישקייט, ווי דער ספר "**ברית אברהם**" שרייבט אין נאָמען פון רבינו תם, אַז דער מענטש זאָל זיך אָפּגעבן מיט די באַדערפענישן פון די אָרעמע און קראַנקע לייט, און זאָל באַגראָבן מתים, און זאָל יעדע וואָך גיין אויף דעם בית הקברות, און זאָל זיך אַריינטראַכטן אַז ער וועט אויך אַזוי באַגראָבן ווערן דאָרט, און דורך דעם וועט ער שוין נישט זינדיגן.

## אַ מעשה מיט איינעם וועלכן מען האָט פאַרדעכטיגט אין צונעמען תכריכים פון די געשטאָרבענע

**יט. כמו,** ווי אַ מענטש, וועלכער איז געווען אַ גרויסער רשע, האָט געטאָן, און מען האָט דערציילט זיינע שלעכטע מעשים פאַר דעם ריכטער, האָט איין מענטש געזאָגט צום ריכטער, מיין האַר, דער רשע טוט איצטער אַסאַך ערגער ווי ווען עס איז פריער. איך זאָג פאַר דיר עדות, אַז אין האַלבע נאַכט האָב איך אים געהערט גיין אויפן בית הקברות, צוצונעמען די תכריכים פון די מתים. האָט דער ריכטער געהייסן צוויי ערלעכע מענטשן זיי זאָלן עס פאָרשן, זענען זיי אים נאָכגעגאַנגען ביינאַכט אויפן בית הקברות, און האָבן געזען ווי ער איז אַריינגעגאַנגען אין אַ קבר, און האָט אויסגעצויגן אַ אייזערנעם קייט, און האָט אים צוגעבונדן אויף זיין אייגענעם האַלדז, און האָט זיך געצויגן מיט זיין האַנט זייער שטאַרק, און האָט געזאָגט, וויי איז צו דיר דו געפּלאָגטער גוף, און די פאַרוויסטע נשמה וואָס זי איז גאָר אַליין, און דער מענטש וואָס דו ביסט בלויז ערד. וואָס איז דיין האָפענונג, און וואָס וועט זיין דיין ענטפער, אין דעם טאָג ווען דו וועסט ליגן אין דעם דאזיגן אָרט, און מען וועט דיך פרעגן פאַרוואָס ביסטו געוואָרן באַאיינפלוסט פון דעם יצר הרע, און האָסט געזינדיגט. דו האָסט נישט געטראַכט און אויף וועמען האָסטו זיך פאַרלאָזט. וואו זענען דיינע

העלפערס, און וואו זענען דיינע פריינד, זאָלן זיי קומען און דיך העלפן אין דער צייט וואָס דו ווערסט געשטראָפט פאַר די זינד, וואָס דו האָסט געטאָן. דו האָסט פאַר׳מיאוס׳ט די תורה און מצוות, ווערסטו אַליין זיין פאַר׳מיאוס׳ט. דו נאַרישער מענטש, ווייס דיין יסוד און דערקען דיין באַשעפער.

**כ. ראי,** זע דיין הויז איז ערד, און ווערים וועלן דיך אונטערטעניג מאַכן, און שטיקער פלאַמען פייער וועלן דיך פאַרברענען,

און וואָס ווערסטו טאָן אַז דו ווערסט קומען צום דאָזיקן אָרט, וואָס דאָ איז אַ פינסטער הויז, וואו אַהין ווערסטו אַנטלויפן, און וואו אַהין ווערסטו אַנטרונען ווערן, דאָס איז דיין הויז, און דאָס איז דיין וואוינונג, עס איז דיר געגוג פון די עבירות וואָס דו האָסט שוין געטאָן, און קער זיך צוריק צו השם יתברך. געדענק דעם דאָזיגן מעמד, ווען דו וואָלסט געקענט אַנטרונען ווערן פון דער וואוינונג, וואָלט כדאי געווען צו טאָן דיין ווילן, און איך וואָלט דיך אויך געגלויבט. אָבער, ווייל דיין סוף וועט דאָך זיין, אַז דו ווערסט מוזן קומען צו דעם דאָזיגן מעמד, און דו ווערסט ליגן טרויעריג, זאָלסטו וויסן, אַז צו דיין צושטאַנד איז נישטאָ קיין אַנדער רפואה בלויז תשובה. און ווען דער ריכטער האָט דערהערט די ווערטער, איז ער געוואָרן פאַרוואונדערט אויף זיין תשובה, און דער ריכטער מיט אַסאַך מענטשן פון זיין פאָלק, האָבן תשובה געטוהן.

**כא. אשר,** דעריבער, דער מענטש וועלכער וויל לעבן אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, זאָל נישט פאַרברענגען

זיין צייט אויף ליידיגקייט, ווייל דאָס ליידיגקייט וועט אים ברענגען צו אַלערליי עבירות, נאָר זיינע מחשבות זאָלן זיין אין השם יתברך, און דערמיט וועט ער פאַרדינען, אַז ער וועט נישט זינדיגן, און וועט עוסק זיין אין תורה און מצוות, און צום וויניגסטן ווען ער וועט אַפילו נישט קענען טאָן קיין מצוות וועט ער פאָרט פאַרדינען, ווייל די גוטע מחשבה וועט אים זיין גערעכנט פאַר אַ מעשה און דערמיט וועט ער קריגן רפואות צו זיין נשמה, און צו זיין גוף, און לאַנג לעבן אויף ביידע

וועלטן. ווייל דער וואָס דינט השם יתברך, כאָטש צום אָנהייב איז עס אים שווער, צוליב זיין יצר הרע וואָס ער פאַרביטערט זיין לעבן, כדי אים צו פאַרמיידן פון די הייליגע דינסט. אָבער אַז ער גיט איבער זיין לייב צו דינען השם יתברך, איז זיין יצר איבערגעגעבן אין זיין האַנט, און זיין לעבן וועט שוין זיין זיס.

**כב. היפך,** פאַרקערט איז, דער וועלכער גייט נאָך זיין יצר הרע, וואָס זיין אָנהויב איז אַזוי זיס ווי האָניג, און זיין סוף איז ביטער ווי ווערמוט, און שאַרף ווי אַ שאַרפער שווערד. השם יתברך זאָל אונז מזכה זיין אים צו דינען מיט די גאַנצע האַרץ, און מקיים זיין די תורה און מצוות, מיר און אונזערע קינדער און קינדס קינדער פון איצט ביז אייביג. אמן סלה.

## דער סדר פון וידוי פון ספר "צדה לדרך"

**כג. וכיון,** און ווייל מיר האָבן דערמאַנט אין דעם פרק דעם ענין פון תשובה וועלן מיר ווידער דערמאַנען דעם סדר ווידוי פון דעם ספר "**צדה לדרך**":

## בלשה"ק

**תפלה** לעני כי יעטוף, כעבד אל אדוניו צופה. ה' שפתי תפתח, ואתה תהי' לי לפה. ה' בוקר תשמע קולי בוקר אערוך לך ואצפה. אל זחלתי ואירא כי טמנתי עוני מחובי, ולבי חלל בקרבי, יראה ורעד יבא בי, כי זממי חטאי ואשמי עמי, בלילי וביומי בשכבי ובקומי לחמו בלחמי, הן בעון חוללתי ובחטא יחמתני אמי, ואיך אבא אל שער המלך בלבוש כלימה וחרפה ובושה, ומה יזכה ילוד אשה, כציץ נובל כצל עובר כאלון וכאלה, זבח שלמיו אשמיו אשם גזלות אשם מעילה, אורחא רחיקא זוודין קלילא, ובמה יתרצה אל אדוניו, ושמים לא זכו בעיניו, וכוכבי לכת שבעה ומה יעשו יסודות ארבע, אף כי אנוש רימה ותולעה, קצר ימיו ושבע רוגז להבל דמה, מחובר מארבע אבות נזיקין נחשב במה, כל המחובר לטמא טמא, ואיך כמוני תולעת ולא איש אל

בית המלך לבא יאבה, בן סורר ומורה זולל וסובא ואירא כי ערום אנכי ואחבא, ולא נותרה בי נשמה, והשם סגר את רחמה, בעבור הערימה כי יגורתי מפני האף והחימה, ואפיל פני וארדם ואשמע קול באזני, דממה דבר בי ומלתו על לשוני, אולי יראה ה׳ בעניי, ויאמר לי מה לך נרדם קום קרא אל אלהיך, ואומר אם נא מצאתי חן בעיניך, אל נא תעבור מעל עבדך, לבך לשמים ולארץ עיניך, ותחלחל להתודות ולהזכיר עוניך אולי ישא פניך, וכשמעי אחזתני פחד ורעדה, וחרדתי חרדה, צירים אחזוני כצירי יולדה, זעם וצרה צרורה, רעמה שמה ושערורי׳, אוי לי אם אומרה אוי לי אם לא אומרה, שנסתי מתני, ואעשה כאשר צוני לשוני, עט סופר מהיר להגיד עוני, בטרם אלך ואינני, ואקוד ואשתחוה לאל נורא ואיום, אולי יחנן ואמצא פדיון, את חטאי אני מזכיר היום, אבל אמרתי מי הוא זה אי זה הוא ומה שמו, אשר כטיפה מן הים כל ימי צבאו לילו ויומו רואה את מומו, כל הנגעים אדם רואה חוץ מנגעי עצמו, אלהי ואלהי אבותי תבא לפניך תפלתי ואל תתעלם מתחנתי, שאין אני עז פנים וקשה עורף לומר לפניך ה׳ אלהי ואלהי אבותי צדיק אני ולא חטאתי, אבל עוני אני מכיר, ואת חטאתי אני מזכיר, והנני מתודה לפניך ה׳ או״א בכפיפת ראש בכפיפת קומה בנמיכת רוח בחלישת חיל בשבירת לב, בקידה בבריכה בכריעה בהשתחוי׳ באימה ביראה ברעדה, בפחד בחלחלה ביליל בקינה ונהי באנקה בצעקה בבכי ובדמע על החטאות ועל העונות ועל הפשעים שחטאתי ושעויתי ושפשעתי לפניך ה׳ אלהי בסתר ובמחזה כתובים משני עבריהם מזה ומזה, לא ראי זה כראי זה.

**[לשון** צידה לדרך]: את אשר אהבתי שנאתי, ואת אשר אמרת המרתי. את אשר בחרתי ברחתי, ואת אשר בנית הרסתי. את אשר געלת לבשתי, ואת אשר גזרת הפרתי. את אשר דברת עברתי, ואת אשר דבקת הפרדתי. את אשר הורית המרתי, ואת אשר החמרת הקלתי. את אשר זכית חייבתי, ואת אשר הזכרת שכחתי. את אשר חייבת זכיתי, ואת אשר חבשת התרתי. את אשר טהרת טמאתי, ואת אשר טמאת טהרתי.

את אשר ישרת עקשתי, ואת אשר יספת גרעתי. את אשר כבדת בזיתי, ואת אשר כתבת מחקתי. את אשר למדת שכחתי, ואת אשר לעגת שבחתי. את אשר מאסת בחרתי, ואת אשר מחצת חתלתי. את אשר נטעתי עקרתי, ואת אשר נתצת בניתי. את אשר סגרת פתחתי, ואת אשר סמכת הפלתי. את אשר עזרת הכשלתי, ואת אשר אטרת גליתי. את אשר פסלת הכשרתי, ואת אשר פגלת אכלתי. את אשר צדקת פלסתי, ואת אשר צפנת חשפתי. את אשר קדשת חללתי, ואת אשר קרבת רחקתי, ואת אשר רחקת קרבתי, ואת אשר רצית מאנתי. את אשר שכנת געלתי, ואת אשר שקצת חבבתי. את אשר תקנת העויתי, ואת אשר תמכת השחתי. (עכ״ל).

**על** כן בושתי ונכלמתי ונאלמתי מרוב חטאתי ונפעמתי ונפלתי. מרוב עונותי כי רבות אנחותי. צדיק הוא ה׳ כי פיהו מריתי ואת הרע בעיניו עשיתי. כמעט בכל רע הייתי ולעמורה דמיתי. ועתה אֵל נא כפר זדוני וסלחת לעוני כי רב הוא. אנא ה׳ אלהי, שמע את תפלת עבדך ואת תחנוניו, וקבל את תשובתי ותחינתי ובקשתי. ויהיו לפני כסא כבודך מליצי יושר להליץ בעדי לפניך ולהכניס תְּפִלתי באזניך, ואם בעונותי אין מליץ בעדי ואין מלמד זכות, חתור נא לי מתחת כסא כבודך, ולא אשוב ריקם מלפניך, כי אתה שומע תפלה.

## באידיש

**את,** וואָס דו האָסט ליב געהאַט, האָב איך פיינט געהאַט; און וואָס דו האָסט געזאָגט, האָב איך ווידערגעשפּעניגט. וואָס דו האָסט גערעדט, האָב איך עובר געווען; און וואָס דו האָסט באַהעפט, האָב איך צעשיידן. וואָס דו האָסט אונז געלערנט, האָב איך ווידערגעשפּעניגט; און וואָס דו האָסט האַרב געמאַכט, האָב איך גרינג געמאַכט. וואָס דו האָסט גערעכט געמאַכט, האָב איך שולדיג געמאַכט; און וואָס דו האָסט שולדיג געמאַכט, האָב איך גערעכט געמאַכט. וואָס דו האָסט מטהר געווען, האָב איך מטמא געווען; און וואָס דו האָסט

מטמא געווען, האָב איך מטהר געווען. וואָס דו האָסט גלייך געמאַכט, האָב איך פאַרקרימט; און וואָס דו האָסט געמערט, האָב איך געמינערט. וואָס דו האָסט מכבד געווען, האָב איך מבזה געווען. וואָס דו האָסט אונז געלערנט, האָב איך פאַרגעסן. וואָס דו האָסט געמאַכט פסול, האָב איך געמאַכט כשר; און וואָס דו האָסט פאַראומווערדיגט, האָב איך געגעסן. וואָס דו האָסט געמאַכט גערעכט, האָב איך פאַרקרימט; און וואָס דו האָסט באַהאַלטן, האָב איך אַנטפּלעקט. וואָס דו האָסט געהייליגט, האָב איך פאַרשוועכט; און וואָס דו האָסט דערנענטערט, האָב איך דערווייטערט; און וואָס דו האָסט דערווייטערט, האָב איך דערנענטערט; און וואָס דו האָסט באַוויליגט, האָב איך פאַר׳מיאוס׳ט. וואָס דו האָסט שיין געמאַכט, האָב איך פאַראומווערדיגט; און וואָס דו האָסט פאַראומווערדיגט, האָב איך געליבט.

**כד. על כן,** דעריבער, בין איך פאַרשעמט און פאַרשטומט פון מיינע פילע זינד, און איך בין דערשראָקן און פאַרוואונדערט פון מיינע פילע נישט גוטע מעשים ווייל מיינע זיפצן זיינע פיל. השם יתברך איז גערעכט וואָס ער שיקט אויף מיר יסורים, ווייל איך האָב זיין אָנזאָג ווידערגעשפעניגט, און האָב געטאָן וואָס איז שלעכט אין זיינע אויגן. איך בין גלייך צו די מענטשן פון סדום און עמורה.

**כה. ועתה,** און איצטער, השם יתברך, בעט איך דיר, פאַרגעב מיינע זינד, ווייל זיי זענען זייער פיל. איך בעט דיר השם יתברך מיין גאָט, הער צו די תפלה פון דיין קנעכט און זיין געבעט, און נעם אָן מיין תשובה און מיין געבעט. און פאַר דיין כסא הכבוד זאָלן זיין מליצי יושר אויף מיר ממליץ צו זיין פאַר דיר, און אַריינצוברענגען מיין תפלה. און אויב צוליב מיינע זינד איז נישטאָ קיין מליץ פאַר מיר, און קיינער וואָס זאָל מלמד זכות זיין אויף מיר, גראָב מיר אונטער דיין כסא כבוד אָנצונעמען מיין תשובה, און מיין תפלה, און איך זאָל זיך

נישט אומקערן ליידיג פון דיר, ווייל דו הערסט צו די תפלה פון יעדען וואָס בעט דיר.

**כו. ותמיד,** און שטענדיג זאָל ער זיך געוואוינען מיט די דאָזיגע תפלה. און אויך זאָל ער זאָגן:

**אנא** ה׳ אלהי ואלהי אבותי, יושם נא איזה זכיות אם עשיתי, לפני כסא כבודך, ויהיו נגדך תמיד, והתועלת שנולד מהם בעולמיך בין בעוה״ז בין בעוה״ב, הם יהיו תמיד לפניך מליצים בעדי. ויהיו כמסך מבדיל וכמו חומת נחושת, לסתום מלעבור מסטין שיבא לפניך עלי, כי אני בתשובה חפצתי. ולך תמיד חשבתי ובקיום מצוותיך חשקתי. ואע״פ שמקודם לפניך חטאתי, הנה עתה נתחרטתי ובלבי גמרתי ואמרתי ומאוס מאסתי בכל מה שהרשעתי, ואצלך ברחתי, ובצל רחמיך חסיתי. כי ידעתי, כי אל חפץ חסד אתה. יהיו לרצון אמרי פי לפניך, ה׳ צורי וגואלי.

**כז. ויבטח,** און דער מענטש זאָל זיך פאַרזיכערן אין השם יתברך, און זאָל זיך נישט מייאש זיין פון בעטן אים, און זאָל טראַכטן אַלע ערטער וואָס די אידן האָבן דערצאָרנט דעם באַשעפער, פונדעסטוועגן האָט ער זיך אויף זיי אַלץ מרחם געווען, ווי נאָר זיי האָבן תשובה געטאָן, אַזוי אויך איז השם יתברך זיך נוהג מיט יעדער מענטש וואָס זינדיגט.

❀ ❀ ❀